# THE SHEPHERD OF ISRAEL

ENGLISH DEPARTMENT

VOL. X. No. 5. 50 CENTS A YEAR JANUARY, 1928.

## Who Crucified Him?

For years the Jews have resented the charge that they were guilty of the crucifixion of the Lord Jesus Christ on Calvary's Cross 2000 years ago. There was a time when they were proud to shout "Crucify Him!" But in these modern days they have seemed to change their minds, and instead they vehemently deny any share in the great tragedy of history.

It seems to us two important questions need to be answered before we can reach an intelligent answer to the question, Who crucified the Lord Jesus Christ? They are:

1st. Why was the Lord Jesus crucified?

2nd. Why are the Jews now so anxious to wash their hands of any part in the crucifixion?

1st. Why was the Lord Jesus Christ crucified? Was He a martyr to a hopeless cause? Was He an inciter to riot? Did He plan to overthrow existing governments? Was He a murderer? No, to every question! Why then was He crucified? We will let the Jewish rabbis give you the answer:

> "The Jews answered Him, saying, For a good work we stone thee not; but for blasphemy; and because that thou, being a man, makest thyself God." John 10:33.
>
> And the high priest answered and said unto him, I adjure thee by the living God, that thou tell us whether thou be the Christ, the Son of God. Jesus saith unto him, Thou hast said; nevertheless I say unto you, Hereafter shall ye see the Son of man sitting on the right hand of power, and coming in the clouds of heaven. Then the high priest rent his clothes, saying, He hath spoken blasphemy; what further need have we of witnesses? Behold, now ye have heard this blasphemy. What think ye? They answered and said, He is guilty of death. Then did they spit in his face, and buffeted him; and others smote him with the palms of their hands. Matt. 26:63-67.

He was condemned to death because He claimed to be the only begotten Son of God! In other words, God made manifest in the flesh.

And of course the Jews had abundant proof of the truth of that wonderful claim. First, there was His miraculous birth, born of a virgin. And they knew how the Wise Men came seeking Him Who was to be born King of the Jews.

Then, secondly, they saw Him when He was publicly baptized by John in the River Jordan. And their eyes must have bulged when they saw the Holy Spirit in the form of a dove, descend upon His holy Head, and heard a voice from heaven, "This is My beloved Son; hear ye Him!"

Then, thirdly, they were witnesses of the miracles He performed before their eyes; He gave sight to the blind, hearing to the deaf; he made the lame to walk; and greatest wonder of all, the dead to live. "Lazarus, come forth" He commanded, and to the astounded eyes of those who beheld, Lazarus came forth. "Never man spake like this Man!" confessed the Rabbis.

### Then Why Was He Crucified?

If He were God, why did He allow Himself to be taken, brutally abused, and then shamefully crucified on the Cross? Hear what He Himself had to say:

> "Therefore doth my Father love me, because I lay down my life, that I might take it again. No man taketh it from me, but I lay it down of myself. I have power to lay it down, and I have power to take it again. John 10:17,18.

Why did He lay down His life of His own accord? And once more the answer is simple, so simple that any Jew who is at all versed in Bible knowledge can understand it. The Lord Jesus Christ Himself explained it by saying in Matt. 26:56:

> "But all this was done, that the scriptures of the prophets might be fulfilled."

What Scripture? Let us quote to you a few verses from Isaiah 53 just as an example of what God has told us through our own prophets:

> "All we like sheep have gone astray; we have turned every one to his own way; and the Lord hath laid on Him the iniquity of us all. He was oppressed, and he was afflicted, yet he opened not his mouth; he is brought as a lamb to the slaughter, and as a sheep before her shearers is dumb, so he opened not his mouth." Isa. 53:6,7.

Now you see the answer to the question is not that the Jews crucified Christ, nor even that the Romans crucified Christ. The real answer to the question is, dear reader, that your sins and our sins, they crucified Christ; it was for your sins that He died because there was no other way by which God could accept an atonement for the sins of the world excepting through the sacrifice of His only begotten Son, the Lord Jesus Christ.

2nd. Why are the Jews today so anxious to deny all responsibility for the crucifixion? It is because they have come to realize that the Lord Jesus Christ was the best Man that ever lived; He was perfect, sinless, without a single flaw. Over and over again He would challenge the Jews to find in Him one sin, and over and over again they slunk away in cowardly retreat.

For many years our Jewish leaders have been so foolish and so ignorant as to try to tell the Jews that there never was such a person as the Lord Jesus Christ. But we are now living in the twentieth century and in a country of enlightenment and education. Therefore, no rabbi has the audacity to repeat the ignorant and stupid stories that were told to our grandfathers. And so the Jews in America know that the Lord Jesus Christ did really live and that He has changed the destinies of the world. That is why the Jews now do not want to be considered guilty of having crucified a good man. But they are illogical; for if the Lord Jesus Christ was a good man, and a perfect man, as the Jews now must admit, then He must have told the truth when He said that He was the Son of God and that He has powers equal with God. And if He told the truth, then every Jew who is honest must believe Him to be the Son of God and must accept Him as the only one through whom their sins will be forgiven. If on the other hand He did not tell the truth when He said that He was the Son of God, then He could not have been a good man, nor a perfect man, and the only conclusion we can reach would be that He committed blasphemy against God; and if that be true; then why should the Jews today be ashamed of having crucified Him two thousand years ago? They ought to be proud of it!

So, dear reader, which side of the question will you take? Will you accept Him for your Saviour now, or will you continue to do as your forefathers did and call Him a blasphemer? May God grant that you shall see the light and see that in this greatest of all men that ever lived, God gave to us His only begotten Son that if you will believe on Him you will never perish, but have everlasting life.

**BETH SAR SHALOM**

Throop Avenue and Walton St.
Brooklyn, N. Y.

COME TO OUR MEETINGS

Every Friday ........................8 P. M.
Every Sunday ........................8 P. M.
Every Monday ........................8 P. M.

Published Monthly by the Williamsburg Mission to the Jews, 27 Throop Ave., Brooklyn, N. Y.

ווײַל אָבער הערען גאָטס שטימע ?

יאָ, מיר פיהלען די פעראַנטוואָרטליכקייט וואָס גאָט רעדט צו אונז דורך דעם נביא יחזקאל, קאַפיטעל ג', 17—22, דאָרט הייסט עס: „ואתה כי הזהרת... ואתה את נפשך הצלת, כי לא הזהרתו... ודמו מידך אבקש". ווער וויל דאָס באַהערציגען ?

## אַ טריפה קריסטמאַס אונטערהאַלט

עס איז מערקווירדיג אַז יעדעס יאָהר, „שלשים יום קודם החג" של קריסטמאַס, ד"ה, איינּיגע וואָכען פאַר קריסטמאַס, הויבען שוין אָן די אָרטאָדאָקסישע בלעטער צו קלינגען מיט זייערע גלעקער געגען קריסטמאַס. „אַ איד" — שרייבען זיי — „טאָר ניט נעמען דעם מינדעסטען אנטייל אין דער פייערונג פון קריסטמאַס. מען מוז זיין זהיר וזהיר אַז די אידישע קינדער זאָלען אודאי פאַרלאָזען די סקוהל אין דעם טאָג וואָס מען מאַכט דאָרט אַ קריסטמאַס־אונטערהאַלט פאַר אַלע סקוהל־קינדער." און דאָך פאַרמעהרען זיך יעדעס יאָהר קינדער און ערוואַקסענע אידען וואָס רעוואָלטירען געגען זייער אוקאַז, זיי מאַכען זיך טויב צו זייער ברויזען און שטורמען און ווילען דוקא יאָ אַזאָלכע און עהנליכע אונטערהאַלטונגען בייוואוינען. עס איז עפּעס אַזוי ווי עס הייסט אין דער תורה: „וכאשר יענו אתו כן ירבה".

אַן אָרטאָדאָקסישער רב פון פענסילוועניע האָט זיך משתדל געווען ביי די סופּעראינטענדענטס פון סקוהלס אין זיין שטאָדט אַז באשר זיי זאָלען עקסקוזירען די אידישע תלמידים פון די געוועהנליכע קריסטמאַס עקסערסייזעס אין די פּובליק סקוהלס, ווייל דאָס איז געגען דעם דת היהדות. די אַמעריקאַנער זענען נאַטירליך זעהר ליבעראַל און זיי ווילען קיינעם נישט צווינגען דוקא יאָ צו זיין אַנוועזענד ביי אַזאַ מין אונטערהאַלט און זיי האָבען איינגעוויליגט צו ענטשולדיגען די אידישע קינדער אַז זיי מוזען דאָרט צו יענער צייט נישט זיין.

נאָך אַלעם, ווי דער רב האָט שוין זיין פערלאַנג באַקומען און האָט שוין אַזוי שטאַרק טריאומפירט מיט זיין גרויסען אויפטהו פאַר'ן אידענטום, הויבען זיך אויף די אידישע קינדער מיט זייערע עלטערן און פּראָטעסטירען געגען דעם רב און זאָגען אַז זיי ווילען דאָרט דוקא יאָ זיין ווייל זיי האָבען דאָס ליעב. מיר קאָנען זיך לייכט פאָרשטעלען וואָסאַרא שברי לב דאָס האָט דעם באַטרעפענדען רב פאַרורזאַכט. צי ער האָט יאָ עפּעס אויפגעטהון פאַר אידישקייט צי ניט, איינס איז זיכער אַז ער האָט דערמיט אַרויסגעצייגט און עפענטליך דעמאָנסטרירט אַ גרויסע שנאה צום קריסטענטום. און ווייל דער רב איז דאָך אין די אויגען פון פאָלק אַ שטעלפאַרטרעטער און רעפּרעזענטאַטיוו פון אידען בכלל הייסט עס אַז נישט נור איז דער רב אַליין פערזענליך אַ שונא צום קריסטענטום נייערט כל ישראל.

ווי געוועהנליך איז אַזאַ זאַך געווען פּובליצירט אין די ענגלישע בלעטער און דאָס לעזענדיג איז עס געווען אַזוי ווי אַ שפּיי אין פּנים צו אונזערע קריסטליכע שכנים. און מענשען כאָטש ווי גוטע קריסטען זיי זאָלען ניט זיין, קריכט אין זייער האַרץ אַריין אַ פיהלונג פון חרטה געגען זייערע באַליידיגער, אַזוי ווי מיר לייענען ביי גאָט ב"ה: „וינחם ד' כי עשה את האדם ויתעצב על לבו".

עפּעס אַזאַ מין סאָרט חרטה קומט צו דעם אַמעריקאַנער קריסט, בכן, אָט די אידען וועלכע מ'האָט אַרויסגעטריבען פון פאַרשיעדענע לענדער און מיר האָבען זיי אַריינגענומען אונטער אונזער שוץ און פרייהייט, איצט גרויסען זיי זיך גאָר איבער אונז און האָבען ניט אַמאָל אַזוי פיעל ישרנות צו צייגען אַביסעל דרך ארץ פאַר ישוע המשיח, וועלכען מיר ליבען איבער אַלעס און איז טיעף איינגעוואַקסען אין אונזער הערץ.

אַן אַנדער עראייגניס האָט זיך געטראָפען דאָ אין אונזער ברוקלין. אַ מאַן און אַ פרוי, וואויל בעקאַנט וועגען זייער פילאַנטראָפּיע און זענען אָן דער שפּיץ פון פיעל צדקה אַנשטאַלטען, דיעזע צוויי האָבען באַשטימט צו געבען אין אַ געוויסען אַבענד אַ קריסטמאַס אונטערהאַלט פאַר טויזענד אידישע יתומים. קומען אָבער די אָרטאָדאָקסישע רעדאַקטערס און רופען דאָן אָן „אַ טרפה קריסטמאַס־אונטערהאַלט און מאַכען אַ געוואַלד אַז בכן, יעדער איד וואָס בעטייליגט זיך אין קריסטמאַס־אונטערהאַלטונגען איז אַן איינפאַכער פאַררעטהער און אַ טרעיטאָר. יעדער פון אייך ליעבע לעזער ווייסט וואָס עס קומט אַ פאַררעטהער: די ביקס . . . און פערטיג.

זיי האָבען אויך אַפּעלירט צו זייערע לעזער אַז מען זאָל דיעזע צוויי, דעם מאַן און די פרוי, כאָטש זיי זענען אַזוי וואָהלטהעטיג און האָבען אַזוי פיעל אויפגעטהון אין ענין פון צדקה, זאָל מען זיי דאָך אָבשאַפען פון די אַלע אידישע אָרגאַניזאַציאָנען וועלכע זיי פּראָמאָטירען מיט זייער טהאַט און פערזענליכקייט.

אָט דאָס איז אויך פאַרעפענטליכט געוואָרען אין די ענגלישע בלעטער און אַלע האָבען דאָס געלעזען מיט גרויס באַדויערען און אונצופרידענהייט.

יעדער רעכטדענקענדער איד ווייסט אַז מיט אַ קריסטמאַס־אונטערהאַלט ברעכט מען נישט דעם אידישען דת אַזוי ווי מען ברעכט נישט דעם דת היהדות מיט דעם וואָס מען פייערט וואַשינגטאָן'ס אָדער לינקאָלן'ס געבורטסטאָג, אָדער מיט דעם פייערען דעם פערטען יולי און דערגלייכען, און דאָך וועגען אַזאַ קלייניגקייט שטעלען זיך אָב אָרטאָדאָקסישע אידישע פיהרערס און שרייען אויף דער לבנה.

איז עס אַ וואונדער אַז אַזאַ מבול מיט בילס זענען אַריינגעבראַכט געוואָרען אין דעם יעצטיגען אַמעריקאַנעם קאָנגרעס, אַזוי באַלד ווי ער האָט זיך נור געעפענט, וועלכע זענען מיינסטענס געציעלט געגען דעם באַטריבטען איד אַז ער זאָל נישט קענען אַנטלויפען פון אייראָפּעאישען גיהנום און דאָ אַריינקומען אין אַמעריקאַנער ערי מקלט.

עס זענען אַריינגעבראַכט געוואָרען בילס אויך שווערער צו מאַכען אַן אַמעריקאַנער בירגער צו ווערען. — אַ ביל — אַז ווען אַן אויסלענדער באַגעהט דעם קלענסטען פאַרברעכען זאָל ער פון דאָ לגמרי אַרויסגעשיקט ווערען צוריק אַהין פון וואַנעט ער איז געקומען. אַז אַן אויסלענדער מוז מיט זיך מיטטראָגען זיין פּאַספּאָרט און זיך מעלדען צו דער פּאָליציי אַזוי אָפט ווי ער וויל פאָהרען פון איין שטאָדט אין דער צווייטער. און מי יודע וואָס דער סוף קאָן זיין פון דעם באַשטענדיגען טראַכטען ביי די אַמעריקאַנער געזעצגעבער געגען די אויסלענדער.

זעהט איהר, ווערטהער לעזער, אַז דיעזע ביטערקייט און די געפיהלען פון די גוטע אַמעריקאַנער זענען פאַראורזאַכט נור דורך אַזאָלכע נאַרישע קלייניגקייטען וואָס מאַנכע פון די אידישע פיהרער טהוען אום זיך צו גרויסען בכן וואָס זיי טהוען אויף פאַר'ן אידענטהום.

וואָרום טהוען זיי גאָר ניט אויף וועגען דאָס שפּיעלען אין קאָרטען ביי פיעלע פון אידישען פאָלק וואָס עסט זיך אַריין אין אידישען גוף אַזוי ווי אַ קאַנסער? און פאַרוואָס ניט עפּעס אויפטהון און אויסראָטען די אידישע פאַרברעכענס וועלכע קומען פאָר אַזוי אָפט אין די געריכטען און אויף דעם עלעקטריק טשעיר. דאָס אַלעס איז ביי זיי אָפּנים נישט טריף, נור די שרעקליכע קריסטמאַס־אונטערהאַלטונגען, דאָס איז טריף און פאַרברעכעריש.

וואויל האָט ישוע המשיח אַמאָל געזאָגט אין ירושלים: „וועה צו אייך סופרים און פרושים, איהר הייכלער גיבט מעשר פון מינט און ענים און איהר לאָזט אויס וויכטיגערע זאַכען פון דער תורה. איהר בלינדע פיהרער, איהר זייהט אויס די פליעג און שלינגט איין דאָס קעמעל". (מתתיהו כ"ג).

איצט שרייען די אידישע פיהרער געוואַלד געגען די באַשרענקונגען פון די אימיגראַציע וועלכע זיי האָבען דאָס אַליין פאַראורזאַכט דורך זייערע נאַרישע מאַנירען. ווען זיי זאָלען קאָנען דאָס ברית חדשה וואָלטען זיי פאַרשפּאָרט צו קומען צו די אַלע זאַכען ווייל דאָרט הייסט עס: „וואָס אַ מענש זייעט דאָס וועט ער אויך איינזאַמלען". (גאַלאַטער ו').

## שטעלט אָן אייער רעדיאָ אויף
### WMBI (263)

דאָס איז די מאָדי בייבעל אינסטיטוט פון שיקאַגאָ, אילינאָיס.

יעדען שבת נאַכמיטאַג, אום 4:30 (שיקאַגאָ צייט), קאָן מען הערען אויף דער רעדיאָ פון יענעם אינסטיטוט אַ האַרציגע אידישע דרשה. פּראָפעסאָר בירנבאום, אַ יודען־קריסט, וואָס איז אויף דער שפּיץ פון יענעם דעפּאַרטמענט, איז דער אָנפיהרער פון די שבת נאָכמיטאָגדיגע דרשות. מ'קאָן אויף דער רעדיאָ הערען אין יענער שטונד שעהנעם געזאַנג אין אידיש און אין ענגליש ווי אויך אידישע און ענגלישע רעדנער וואָס פאַרשפּרעכען צו זיין זעהר אינטערעסאַנט.

שטעלט אָן אייער רעדיאָ שבת נאַכמיטאַג צו דעם אויבּיגען סטעשאָן, איהר וועט דאָס ליעבען און איהר וועט דאַנקען די מאָדי בייבעל אינסטיטוט פאַר דעם פאַרגעניגען וואָס איהר וועט דערפון האָבען. דאָס איז אַ נייע זאַך, ערשט איינגעפיהרט.


## בית שר שלום

קאָרנער טרופּ עוו. און וואָלטאָן סטריט, ברוקלין, נ.י.

קומט צו אונזערע פערזאַמלונגען

פרייטאַג נאַכט, 8 אוהר - - - פיר מענער און פרויען

זאַנטאַג נאַכט, 8 אוהר - - - פיר מענער און פרויען

מאָנטאַג נאַכט, 8 אוהר - - - טעסטאַמאָניעל מיטינג

# THE SHEPHERD OF ISRAEL

PUBLISHED MONTHLY TO GIVE ISRAEL A KNOWLEDGE OF THE TRUE SHEPHERD, THE MESSIAH

# רועה ישראל

אני הוא הרועה הטוב יוחנן 10 11

והקמתי עליהם רעה אחד יחזקאל לד 23

א מאנאטליך בלאט צו ערקלעהרען צו ישראל דעם אמת'דיגען משיח

VOL. X. No. 5. 50 CENTS A YEAR JANUARY, 1928.


## צום נייעם יאָהר

מענשען פון אוראלטע צייטען האָבען געהאַט פאַרשיעדענע מיינונגען איבער דער צייט־רעכנונג און האָבען באַשטימט אַ פּונקט פון וועלכען מען זאָל אָנהויבען צו צעהלען דאָס נייע יאָהר. פאַרשיעדענע פּונקטען און פאַרשיעדענע מנהגים געפינען מיר אין דיעזער הינזיכט אין פאַרשיעדענע וועלט־טיילען צווישען פאַרשיעדענע נאַציאָנען. נור דאָ אין אונזער ציוויליזירטער וועלט רעכענט מען זיך נור מיט צווייערליי ניי־יאָהרס, נעמליך דאָס אידישע און דאָס קריסטליכע. מ'זאָגט יאקבי אַ שפּריכטוואָרט „אַזוי ווי עס אידעלט זיך אַזוי קריס־טעלט זיך", אָבער אין באַצוג צום נייעם יאָהר האַלט דיעזער כלל ניט אויס. די אורזאַך דערפון וועלען מיר זעהן ווייטער.

די צערעמאָניען און די ניי־יאָהר ווינשונגען צווישען אידען זענען גאַנץ פאַרשיעדען פון די צווישען קריסטען. אידען ווינשען זיך אין ראש השנה „חדש עלינו שנה טובה ומתוקה", ד"ה, אַז גאָט זאָל אידען געבען אַ גוט און אַ זיס יאָהר. אויך ווינשען זיך אידען „זכרנו לחיים . . . וכתבנו בספר החיים . . .", ד"ה, אַז מ'זאָל נור זוכה זיין צום לעבען און במילא אויך אַלעם וואָס מ'דאַרף צום לעבען, ועל כלם בעט דער איד אויך כבוד: „ובכן תן כבוד ד' לעמיך", אנשטאַט גאָט געבען כבוד וויל דער איד אַליין דעם כבוד.

און די קריסטען (מיר מיינען דאָ נישט די פּשוט'ע גוים), זיי ווינשען זיך נישט פאַר לעבען אָדער פאַר עסען און טרינקען, אויך נישט פאַר כבוד, נייערט זיי ווינשען אַז גאָטס נאָמען זאָל ווייטער און מעהר פאַרשפּרייט און באַקאַנט ווערען אין דער וועלט. און נישט נור אַליין ווינשט ער דאָס, נייערט ער בעט אַז גאָט ב"ה זאָל איהם פּערזענליך באַנוצען צו אָט דיעזען צוועק, גאָטס נאָמען באַקאַנט צו מאַכען. הן בדיבור והן במעשה. און ווי מיר זעהען איז טאַקע זייער וואונש ערפילט געוואָרען, ווייל גאָט האָט זיי טאַקע דערצו געהאָלפען זייער וואונש און פערלאַנג אויסצופיהרען. זיי פערברייטען גאָטס נאָמען אויף פאַרשיעדענע אופנים:

1) יעדער באַזונדער, געבענדיג אַ צעהנטעל פון זייערע פאַרדיענסטען אום צו קויפען ביבלען און זיי אַוועקצושענקען אין אַלערליי וועלט־טיילען, כדי אַלע זאָלען דאָס לערנען און זיך באַקענען מיט גאָט ב"ה.

2) מיט דעם וואָס זיי געהען אַרויס דרש'ענען וועגען גאָט ב"ה. און ווען אַלע קענען נישט געהן דרש'ענען, גיבען זיי זייער געלט צו שיקען מי־סיאָנערען אַז זיי זאָלען דרש'ענען און פאַרברייטען גאָטס נאָמען.

3) טהוען זיי דאָס דורך גרויסע קאָרפּאָראַציאָנען וועלכע האָבען דעם שטאַרקסטען אונטערנעמונגס־גייסט אַזאַ גרויסע אַרבייט אויסצופיהרען. אנשטאַט צו פאַרווענדען דיעזע פעהיגקייט צו מסחור און צו אַלע אַנדערע וועלטליכע ענינים באַנוצען זיי יענעם גייסט פון געניוס צו דער געטליכער אַרבייט צו דרוקען דאָס תנ"ך אין פאַרשיעדענע שפּראַכען און עס צו פאַרטיילען צו אַלער האַנד נאַציאָנען און ראַסען.

די עלטסטע אָרגאַניזאַציע פון דיעזען סאָרט איז די „בריטיש און פאָראין ביבעל און טראַקט סאָ־סייעטי" פון לאָנדאָן, ענגלאַנד, וועלכע האָט ניט לאַנג צוריק געפייערט דעם 122 יעהרליכען יובי־לעאום פון איהר עקזיסטענץ. די פאַקטען וועגען איהר טהעטיגקייט וואָס ווערען אַרויסגעבראַכט אין זייער רעפּאָרט זענען זעהר אינטערעסאַנט און לויי־בענס־ווערטה. אדרבה הערט:

די אויבען־דערמאָנטע סאָסייעטי, נישט רעכענדיג אַלע אַנדערע געזעלשאַפטען, האָט דורך דער צייט פון איהר עקזיסטענץ אָפּגעדרוקט ביינאַהע 400 מיליאָן ביבלען אין 600 פאַרשיעדענע שפּראַכען און דיאַלעקטען, וועלכע זענען איבערזעצט געוואָרען פון דער העברעאישער שפּראַך, ד"ה, פון אונזער לשון קודש. פאַר אַזאָלכע היידען וואָס האָבען לחלוטין נישט זייער אייגענע שריפט־שפּראַך, האָט דיעזע געזעלשאַפט באַשטעלט הויך־געבילדעטע מענער וועלכע האָבען פאַר זיי בעשאַפען אַן א' ב', און נאָכדעם דאָס תנ"ך איבערזעצט אין יענער שפּראַך און אין יענער ניי־געשאַפענער שריפט. מ'האָט זיי דאָס אויסגעלערענט צו לייענען און אַזוי האָבען זיי זיך באַקאַנט געמאַכט מיט גאָט ב"ה וועלכער האָט אויך זיי געשאַפען. יאַ, צו דיעזען הייליגען צוועק, שטייערען דאָס צו, אַלע נאָבעלע קריסטען מיט זייער געבען מעשר אָדער נאָך מעהר. זיי טהוען דאָס ווייל דאָס איז זייער הייסער וואונש עפּעס אויפצו־טהון פאַר גאָט ב"ה. אָט דאָס איז דער וואונש פון קריסטען סיי אין ניי־יאָהר און סיי אַלע טעג פון יאָהר.

אמת, אויך דער איד ווינשט זיך אין ר"ה „וידע כל פעול כי אתה פעלתו ויבין כל יצור כי אתה יצרתו ויאמר כל אשר נשמה באפו ד' אלהי ישראל מלך . . ." וואָס קומט אָבער דערפון אַרויס, ער זאָגט דאָך דאָס נור מיט'ן מויל ניט צולעגענדיג אפילו אַ פינגער עפּעס צו טהון דערפאַר. און אַזוי זאָגענדיג נור מיט'ן מויל קנאַפּע 2000 יאָהר, איז דער גוי נאָך אַלץ געבליבען אַ גוי און ער וואָלט נאָך עד היום פון גאָט ב"ה נישט געוואוסט. דאָס זאָגען אַליין פאַר זיך אין דער שוהל איז נישט גענוג, מ'דאַרף עפּעס טהון, איהר הערט ר' איד, „טהון", אַרבייטען, דרש'ענען, זיך מוסר נפש זיין און געהן אפילו צו די זולוס, קאַניבאַלען, האָטען־טאָטען, מענשען־פרעסער און אויך זיי דערצעהלען פון גאָט ב"ה, און ווער עס קאָן ניט געהן זאָל דאָס געלד אהער געבען פאַר דער הייליגער עובדא. דאָס טהוט אָבער נישט דער איד! טהון טהוט דאָס דער נאָ־בעלער קריסט, ווייל זיין וואונש אַז גאָטס נאָמען זאָל פאַרברייט ווערען אין דער גאַנצער וועלט איז נישט נור מיט'ן מויל נייערט מיט'ן גאַנצען האַרץ. און דאָס טהוענדיג האָט דער קריסט במילא אַ גייס־טיגען שנה טובה ומתוקה. אָט אין דיעזען פונקט יודעלט זיך ניט אַזוי ווי עס קריסטעלט זיך.

## פאַגראָמען אין רומעניען און אין אונגאַרן

דאָס איז געשעהן אין אַ צייט ווען די וועלט באַריהמט זיך איבער די גרויסע און וויכ־טיגע ערפינדונגען אין דער וויסענשאַפט, אין אַ צייט וואָס מיר האָבען שוין אַ „ליעג אָף נעישאָנס", צו וועמען מ'קאָן זיך געהן באַקלאָגען אויף יענעם אַזוי ווי כלומר'שט ביי אַן אייגענעם פאָטער; אין אַ צייט ווען אידען האָבען שוין אַן אייגען לאַנד אין ארץ ישראל, האָבענדיג גרויסע פיהרערס אָן דער שפּיצע פונ'ם פאָלק און פון דעם לאַנד. וועל־כער איד איז דאָס עפּעס ניט שטאָלץ אויף דר' חיים ווייצמאַן, דער פּרעזידענט פון די ציוניסטען איבער דער גאַנצער וועלט! אָט דיעזע ווערטער אין ענג־ליש קלינגען דאָך עפּעס אַזוי הויך אַז עס פאַראור־זאַכט עפּעס אַן אינספּיראַציע אויסערגעוועהנליך זיי. דיעזע גרויסאַרטיגע פראַזען זענען גענוג אָנצובלאָזען אפילו דעם קלענסטען איד מיט שמחה און טרייסט, און עס איז אויך גענוג אויפצובלאָזען אין יעדען נישט־איד אַ כעס און רוגזה דאַגעגען.


Published Monthly by the Williamsburg Mission to the Jews, 27 Throop Ave., Brooklyn, N. Y.

ENTERED AS SECOND CLASS MATTER APRIL 14, 1922, AT THE POST OFFICE AT BROOKLYN N. Y., UNDER THE ACT OF MARCH 1, 1897.